**הונגער: אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ הונט • Hunger: Monologue of a Dog**

by Shloyme Gilbert, translation by Jack Ford and Zuzanna Łapa

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (June 2018)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/hunger-monologue-of-a-dog]

# הונגער: אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ הונט

# Hunger: Monologue of a Dog

Shloyme Gilbert
translated by Jack Ford and Zuzanna Łapa

**Introduction:** Among the rather idiosyncratic short stories written by Shloyme Gilbert (1885-1942), who was born in Radzymin, near Warsaw, one particularly compelling example is "Hunger". The subtitle—*A monolog fun a hund*—refers to the protagonist (a dog) from whose perspective the story is narrated. In this story, Gilbert illustrates his own anthropological perspective by drawing a parallel between human and animal. A human's fate is no different to that of an animal. Both human and animal are guided by the same instincts. Ultimately, spiritual needs and moral laws turn out to have no value when man cannot sate his prior, physiological needs. Biology overcomes spirit and intellect. Instinct becomes the driving force of existence.

The animal protagonist reaches an utterly morally base level of existence, on the very edge of survival. His surrounding world in a time of crisis awakens nothing but horror in him. He can, however, distinguish good from bad. And even though he chooses the latter and decides to commit a thoroughly contemptible act, he becomes riven by anxiety, which acts as a psychological punishment. His consciences will never brings him peace. That is the birth of a new man, a man whose life is governed by guilt and anxiety. In the very end of the story we see the dog running in frenzy, trying to run away from his conscience, yet aware he will never succeed.

Both Noyekh Prilucki and Melech Ravitch wrote about Gilbert as a wandering man. He would often go somewhere, for instance to a newspaper's editorial office, and wander around until somebody called for him. We can find this sense of eternal wandering, this feeling of dislocation in *Hunger*. A man is floating in the world helplessly, always being pushed around in different directions by own instincts and moral imperatives.

# Hunger: Monologue of a Dog

Woof! Woof! I'm standing in the middle of the market and barking. I'd just been running, dashing all the way through the town, through every courtyard. I had sniffed at each and every pile of rubbish, but I couldn't find anything there.

I raise my head up at people, and beg, plead, and howl. Their only answer is to shoo me away, angry that I am getting in their way. When somebody walks by with bread, I don't want to jump up and beg. I see they are in a hurry and how their eyes glint with hunger. I just follow them, eager to relish the sweet-sour aroma of bread.

When I think back to those times, I flail around and squeal with anger. I could just bite myself.

Before, I would never leave my courtyard. If somebody came up to the fence, I'd bark loudly at them: "Don't touch anything, it's all mine". If they threw me a piece of bread, I just left it on the ground. I didn't want to stand there chewing like a cow.

Every morning, my owner would go out with a basket to a shop where there'd be large chunks of bloody meat. She'd bring me back all kinds of small scraps from there.

At midday she'd bring me a bowl of food—there'd be potatoes, red carrots, and small, juicy bones. Even this meagre stew would be so rich and sweet. I'd gulp it down and lick the bowl clean.

Now, whenever I find a bone, it's already dried out. I chew and chew at it, my mouth fills with saliva and the bone comes out the other side of my mouth intact: "woof, woof".

So one day I run out, my stomach twisted with hunger, my mind tormented. I stop and bark out with all my heart, then let out a shrill, sorrowful howl: "will this ever end?"

Opposite me I see an open shop. Bloody chunks of meat are hanging from the walls. My body is becoming tense with longing. There are several dogs waiting outside the shop. One is standing, another sitting, all eyes fixed on the man in the white apron.

I skulk around outside the shop and steal inside; my limbs shaking, my tail lowered. My nose is tingling with the smell of fresh meat. I stand by a hunk of meat trying to lick it, but it's too big and hanging too high for me to reach.

I am driven from the shop. I stand outside with the others who are starring in. There are several small scraps of meat on a wooden slab. Standing next to it, with his sharp meat cleaver, is the man in the white apron. I sit there gaping at the fresh red meat and its tempting flavor sends me into a slumber. I dream of gorging myself on this juicy meat, but then I wake up and my mouth is full of spit. I bark out loud, painfully conscious of my long idle teeth and claws.

I spring inside and grab a morsel of meat. As I run away from the scene I see stones flying towards me. The man in the white apron is running after me: oh what horror! I run all the way back to my courtyard, drop the meat on the ground and turn around: phew, safe at last.

The man in the white apron is standing by the fence. I bare my teeth at him, and let out a series of loud, bold barks to frighten him and I begin snapping up the meat eagerly. I can almost feel a torrent of bricks and stones flying towards me.

I pass through the town and peer into the shops, but everyone already knows me. As soon as they see me they come to the door clutching a stick or a broom handle.

One time I see a crowd of people at the market. I wind my way through their feet. A dog I've never seen before is running around in the middle of the square. I squeal at him and he bares his teeth, grabs a stone in his mouth and gnaws at it. I go up to him quietly and inquiringly, but scuttle right back as soon as I see his piercing and ferocious eyes. I stop a good distance away and let out a bark out of fear and unease.

I see a thin and gaunt puppy. You could count every bone on his body. He creeps around quietly, searching for something. What can he possibly be looking for? I can't bare to look at him. I raise my head and let out a long, mournful cry, whilst he continues to creep around, rooting about for something. But, what about me, how do I look right now? I walk off with my tail between my legs, looking more like a cat than a dog.

There are dogs who have a good life. Take this yellow bundle of fur for instance. He has an ugly nature, always begging and flattering people. He walks back and forth around someone, wagging his tail. He looks up into their face, rubbing against the ground and licking their feet until they throw him something. And when a child goes by, holding a piece of bread, he doesn't let up. The child prods him in the face, yet he follows them nudging the bread with his snout, and keeps doing so until the child gets tired. Then he snatches the bread from the child's hand and eats it up! He doesn't deserve to be called a dog at all. The children play – and he plays with them. They run – and he runs along beside them. He grabs one of them by the scruff of his coat, tugging, and growling, a crazed expression on his face. And whilst running he lunges at one of them and gives them a real fright by letting out a loud bark right in their face. Then the dog suddenly jumps to the side and is shaking with fear, as if scared of his own shadow. I just can't look at his narrow, begging eyes. What a worthless good-for-nothing, hardly a dog at all! I turn away from him.

And then there is Black Gipsy, an ugly creature, always rooting around in the garbage . . . He eats exactly what a pig would: raw potatoes, all kinds of rotting scraps. He is always dirty and his ear is bloody and mangled. When he runs past, all the dogs attack him bringing havoc and chaos all around. I'd love to tear him to shreds but worry I'll catch something from him.

One night I see several dogs running, and leading them is Black Gipsy. There is something about them I don't like. They run away into a cemetery in fear of me as I approach them. I run along with them, which they don't like one bit, but when I bare my teeth at them they go quiet. We squeeze through a hole in the fence.

The dogs run into a large field dotted with hillocks. They run up to the top of a freshly- made mound of earth and start digging. Black Gipsy burrows into the earth with his snout just like a pig, so that his whole head is inside, and drags something out. It's a human body. I jump back several steps in shock. It's quiet and bright here in the moonlight, and the dogs stand around the body and start to eat its flesh. I can smell the repugnant stench of death streaming out from the body. I start crying out loudly in fear

and terror. My comrades attack me several times and I feel such an awful hunger and thirst. I go over to the body.

Woof! Woof! Yes, it's so disgusting and so horrifying but oh so, so good! Woof! Woof!

***

I search around for an empty spot where I can sleep. Suddenly I find everything frightening. I run around in a frenzy like never before.

# **הונגער**

(אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ הונט)

האַו־האַו! אָט שטיי איך אין מיטן מאַרק און ביל אין דער הוילער לופֿט אַרײַן. כ׳בין שוין אויסגעלאָפֿן ס׳גאַנצע שטעטל, כ׳בין שוין געווען אין אַלע הויפֿן, כ׳האָב שוין איבערגעשמעקט יעדעס בערגל מיסט, ס׳איז גאָרנישט דאָ!

איך הייב אויף דעם קאָפּ צו די מענטשן און רעד, און בעט, און וויין. זיי ענטפֿערן מיר מיט „וואָן“! — איך זאָל מיך נישט פּלאָנטערן צווישן די פֿיס. ווען ס׳גייט אַ מענטש מיט ברויט, וויל איך גאָר נישט שפּרינגען אַנטקעגן און בעטן זיך. איך זע דאָך, ער גייט גיך און זײַנע אויגן בלישטשען פֿון הונגער! איך גיי נאָר גלאַט פֿון הינטן, איך וויל פֿילן דעם זיס־זויערן טעם פֿון ברויט.

ווען איך דערמאָן מיך אין אַמאָליקע צײַטן, דריי איך מיך און קוויטשע פֿון כּעס. כ׳וויל בײַסן זיך אַליין.
איך פֿלעג נישט אַרויסגיין פֿון מײַן הויף. ווען אַ מענטש איז געגאַנגען לעבן פּאַרקאַן, פֿלעג איך הויך בילן: — מ׳טאָר גאָרנישט רירן! דאָס אַלץ איז מײַן! — ווען מ׳האָט מיר געוואָרפֿן אַ שטיקל ברויט, האָב איך עס געלאָזט ליגן! איך האָב נישט געוואָלט שטיין, פֿאַרברענגען צײַט דערבײַ און קײַען ווי אַ קו.

אַלע אין דער פֿרי האָט מײַן בעל־הביתטע גענומען דאָס קוישל און איז געגאַנגען אין יענעם געוועלב אַרײַן, ווּ עס הענגען גרויסע בלוטיקע שטיקער פֿלייש. פֿון דאָרט האָט זי מיר געבראַכט אַלערליי שטיקלעך.

אַלע אין מיטן טאָג האָט מען מיר אַרויסגעבראַכט אַ שיסל עסן. ס׳איז דאָרט געווען קאַרטאָפֿלעס, רויטע מערן און זאַפֿטיקע ביינדלעך. און דאָס שיטערע אַליין איז דאָך געווען אַזוי פֿעט און זיס. איך האָב געזופּט און געזופּט, און אויסגעלעקט ביז דער דנאָ.

הײַנט, אַז איך געפֿין שוין אַ ביין, איז ער אַזוי טרוקן! איך קײַ און קײַ, עס קומט מיר אָן אַ פֿול מויל מיט סלינע און דער ביין קריכט צוריק אַרויס גאַנצערהייט פֿון דער צווייטער זײַט מויל. האַו־האַו!

איין מאָל לויף איך אַזוי מיט אַן אײַנגעצויגענעם בויך און דער מוח רײַסט מיר פֿון הונגער. שטעל איך זיך אָפּ און צעביל מיך מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אַ קוויטשיק געוויין: — פֿאַר וואָס איז אַזוי שלעכט?!

קעגן איבער דערזע איך אַן אָפֿן געוועלב, און אַרום, אויף די ווענט, הענגען בלוטיקע שטיקער פֿלייש. דער גוף איז מיר געוואָרן שטײַף פֿון חשק. עטלעכע הינט וואַרטן דאָ פֿאַרן געוועלב. איינער שטייט, דער אַנדערער זיצט, און זיי נעמען נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון דעם מענטש מיטן ווײַסן פֿאַרטעך.

איך דריי מיך פֿאַרן געוועלב און גנבֿע מיך אַרײַן מיט ציטערדיקע גלידער און מיט אַן אַרונטערגעבויגענעם עק. אין דער נאָז קיצלט אַזוי דער געשמאַק פֿון פֿרישן פֿלייש! אָט שטיי איך שוין בײַ אַ שטיק פֿלייש און לעק. נאָר ס׳איז צו גרויס און עס הענגט צו הויך!

מען טרײַבט מיך אַרויס פֿון געוועלב. איך בלײַב, ווי אַלע, אין דרויסן, און קוק אַרײַן. אויפֿן ברייטן קלאָץ ליגן קליינע שטיקלעך פֿלייש. דערלעבן שטייט דער מענטש מיטן ווײַסן פֿאַרטעך און מיט דער שאַרפֿער האַק. זיץ איך אַזוי און זע דאָס רויטע, פֿרישע פֿלייש, און איך דרימל אײַן פֿון טײַערן געשמאַק. עס חלומט זיך מיר, אַז איך עס זאַפֿטיקע פֿלייש, נאָר איך כאַפּ מיך אויף און איך האָב אַ מויל מיט סלינע. צעביל איך מיך פֿון ווייטיק! איך האָב דערפֿילט מײַנע ציין און נעגל.

האָב איך געגעבן אַ שפּרונג אַרײַן און געכאַפּט אַ שטיק פֿלייש. כ׳בין געלאָפֿן, און איבער מיר זײַנען געפֿלויגן גאַנצע ציגל מיט שטיינער. הינטער מיר איז געלאָפֿן דער מענטש מיטן ווײַסן פֿאַרטעך. אַ שרעק! כ׳בין אַרײַנגעלאָפֿן צו מיר אין הויף, אַוועקגעלייגט דאָס פֿלייש אויף דער ערד און אויסגעדרייט זיך: דאָ בין איך זיכער!

דאָס ווײַסע פֿאַרטעך איז געשטאַנען פֿאַרן פּאַרקאַן. האָב איך אויסגעשטשירעט מײַנע ציין און געגעבן עטלעכע הויכע ביל, ער זאָל מורא האָבן, און איך האָב גענומען רײַסן און שלינגען פֿלייש, מיט אַזאַ אַפּעטיט. די ציגל מיט די שטיינער זײַנען מיר נאָך געשטאַנען פֿאַר די אויגן, ווי זיי פֿליִען איבער מיר!

איך גיי איבער שטעטל און קוק אַרײַן אין די געוועלבער, נאָר מ׳קען מיך שוין. אַז מ׳דערזעט מיך, קומט מען אַרויס צו דער טיר מיט אַ שטיק האָלץ, מיט אַ בעזעם!

איין מאָל זע איך אויפֿן מאַרק שטיין אַ סך מענטשן. כאַפּ איך מיך אַדורך צווישן זייערע פֿיס. אין מיטן פּלאַץ איז געלאָפֿן אַ פֿרעמדער הונט, אַרום און אַרום. ער האָט געקוויטשעט, אַרויסגעוויזן זײַנע ציין, אָנגעכאַפּט אַ שטיין און געגריזשעט. כ׳בין צו אים שטיל צוגעגאַנגען פֿרעגן. האָב איך דערזען זײַנע שטאָל־שאַרפֿע משוגענע אויגן און בין אַנטלאָפֿן. כ׳בין געשטאַנען פֿון ווײַטנס און כ׳האָב געבילט. פֿון שרעק, פֿון אייגענע צרות האָב איך געבילט!

איך האָב געזען אַ לאַנג דאַר הינטל. מ׳האָט געקענט דערויף ציילן יעדעס ביינדל. ס׳איז שטיל געקראָכן און נאָר געזוכט. וואָס האָט עס געקענט געפֿינען?! ס׳איז מיר געוואָרן מיאוס צו קוקן. האָב איך אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און לאַנג געוויינט, און דאָס איז געקראָכן און נאָר געזוכט... און איך אַליין ווי אַזוי זע אויס?! איך גיי מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם עק, און איך זע שוין אויס ווי אַ קאַץ!

ס׳זײַנען פֿאַראַן הינט, וואָס עס איז זיי גוט. אָט דער געלער בוקעט. ער האָט אַ פּאַסקודנע נאַטור פֿון חנפֿענען און בעטלען. ער וועט זיך דרייען פֿאַר אַ מענטש אַהין און צוריק און מאַכן מיטן עק, און אַרויפֿקוקן צו אים אין פּנים אַרײַן, און רײַבן זיך מיטן בויך אָן דער ערד און לעקן די פֿיס, ביז מ׳וואַרפֿט אים עפּעס. און אַז אַ קינד גייט און האַלט אין דער האַנט אַ שטיקל ברויט, וועט ער שוין נישט אַוועקגיין. דאָס קינד האַקט אים מיט דער האַנט אין דער מאָרדע אַרײַן און ער וועט אַלץ נאָכגיין, און אָנרירן מיט דער מאָרדע דאָס שטיקל ברויט, און נאָך אַ מאָל אָנרירן, ביז דאָס קינד ווערט מיד. נעמט ער עס אַרויס פֿון קינדס האַנט און עסט אויף! — ער איז גאָר נישט קיין הונט! גאַנצע טעג לויפֿט ער אַרום מיט די קינדער. זיי שפּילן זיך, און ער — מיט: זיי לויפֿן, און ער לויפֿט מיט, און כאַפּט אָן עמעצן פֿון זיי בײַ דער פּאָלע, און שלעפּט און רײַסט, און וואָרטשעט — משוגענע העוויות! אין מיטן לויפֿן כאַפּט ער זיך פּלוצלינג אויף אויף אַ קינד און גיט אַ הויכן ביל גלײַך אין פּנים אַרײַן, און שרעקט איבער דאָס קינד. אַליין רוקט ער זיך אין דער ברייט און ציטערט פֿאַר מורא. איך קען נישט אָנקוקן זײַנע ווינקלדיקע הניפֿה־אויגן. אַ שטיק שמאַטע איז ער, נישט קיין הונט! איך דריי מיך פֿון אים אַוועק.

און דער שוואַרצער ציגאַן איז אַ מיאוסע בריאה! ער איז אויף אַלע מיסטן. ער עסט דאָס אייגענע, וואָס חזירים עסן — רויע קאַרטאָפֿלעס און פֿאַרפֿוילטע שטשערקעס! שטענדיק איז ער אײַנגעריכט, מיט אַ בלוטיק־צעביסענעם אויער. ווו ער לויפֿט אַדורך, וועט יעדער הונט אויף אים אַרויפֿפֿאַלן, אַז עס ווערט אַ גוואַלד און אַ קוזש ביז אונטערן הימל! איך וואָלט אים געדורסט אויפֿן אָרט, נאָר ער טראָגט מיט זיך שטענדיק עפּעס אַ קרענק!

איין מאָל, בײַ נאַכט, זע איך לויפֿן עטלעכע הינט, און דער שוואַרצער ציגאַן פֿירט זיי. עפּעס זײַנען זיי מיר נישט געפֿעלן. זיי האָבן זיך געהיט און געלאָפֿט צום פֿעלד. כ׳בין מיטגעלאָפֿן. זיי זײַנען נישט געווען צופֿרידן, נאָר איך האָב אַרויסגעוויזן די גרעסטע ציין און זיי זײַנען אַנטשוויגן. מיר זײַנען אַרײַן דורך אַ לאָך פֿון אַ פּאַרקאַן.

אַ גרויס פֿעלד מיט בערגלעך. זיי זײַנען צו צו אַ פֿריש אָנגעשיט בערגל און אָנגעהויבן אויפֿקאָפּען. ציגאַן האָט אַוועקגעשאַרט די ערד מיט דער מאָרדע, פּונקט ווי אַ חזיר. ער איז מיטן קאָפּ אין גאַנצן אַרײַן אין גרוב און געשלעפּט עפּעס פֿון דאָרט. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ מענטש. איך בין פֿון שרעק אָפּגעשפּרונגען אויף עטלעכע טריט. ס׳איז געווען שטיל און ליכטיק פֿון דער לבֿנה, און זיי זײַנען געשטאַנען אַרום מענטש און געגעסן פֿלייש. איך האָב געפֿילט, ווי דער מיאוסער ריח פֿון טויט צעשפּרייט זיך. האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק וויינען פֿון שרעק און מורא. מײַנע חבֿרים זײַנען מיך עטלעכע מאָל באַפֿאַלן. איך האָב דערפֿילט אַ שרעקלעכן הונגער און אַ דאָרשט, און איך בין צו צום מענטש.

— האַו־האַו! ס׳איז אַזוי גוט, ס׳איז אַזוי פּאַסקודנע, האַו־האַו!

איך האָב מיר געזוכט פּוסטע ערטער צום שלאָפֿן. איך האָב פֿאַר אַלץ מורא געקראָגן. און איך האָב אָנגעהויבן לויפֿן און בײַסן.